בס"ד

שבת מברכים תמוז | ר"ח יום רביעי | המולד ליל שלישי 4:20 | 16 חלק'

שבת מברכים

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## מטות מסעי

כ"ז תמוז תשפ"ג

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:13 |
| מוצש"ק | 8:31 |
| ר"ת | 9:06 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:17 | סוז"ת א' | 9:46 |
| סוזק"ש ב' | 9:09 | סוז"ת ב' | 10:21 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': לט

## טיב הפרשה

# די צוויי און פערציג מסעות

## א רמז צו די שוועריגקייטן און פינסטערנישן וואס גייט אריבער אויף דעם איד אין די וועלט

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די צוויי און פערציג מסעות וואס כלל ישראל איז אריבער אין מדבר, פון ווען זיי זענען ארויס פון מצרים ביז ווען זיי זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל.

מיר ווייסן פון די ספרים הק' אז יעדער זאך וואס עס שטייט אין די תוה"ק איז נישט בלויז א געשיכטע, עס קומט אונז אויסלערנען א מהלך אין עבודת השם און די מהלך וואס זי לערנט אויס איז שייך פאר יעדער איינער פון אונז.

אויך די ערציילונג איבער די צוויי און פערציג מסעות וואס כלל ישראל איז אריבער אין מדבר איז א לימוד פאר יעדן איד פון אונז. עס איז א רמז פאר יעדן איד אויף די וועלט איבער די פריוואטע מסעות וואס ער גייט אריבער אין זיין פריוואטער לעבן, און וויאזוי ער דארף זיך שטארקן אין זיי און וויסן אז עס איז נאר אן איבערגאנג און אז ענדע וועט ער אנקומען צו די וַיַּחֲנוּ, אז ער וועט האבן מנוחה פון זיינע וואגלענישן.

ווען מען קוקט אריין אין די פרשה, זעט מען אז נאך יעדער 'וַיִּסְעוּ' איז דא א 'וַיַּחֲנוּ'.

אמאל איז דער 'וַיַּחֲנוּ' געווען א לאנגע, אמאל א קורצערע, אבער עס איז אלעמאל געווען.

אויך דאס איז א לימוד פארן איד! ווען א איד זעט דער נומער צוויי און פערציג מסעות, באפאלט אים א פחד. ער קען טראכטן צו זיך, קוק וואס עסווארט מיר אפ! איך וועל דארפן אריבערגיין אזויפיל מסעות! אבער דער איד קען נעמען חיזוק פון די 'וַיַּחֲנוּ'ס', אז אפילו ווען הקב"ה שיקט אויפן מענטש שוועריגקייטן און איבערגעגנג, געבט ער אים ביני לביני א וועג זיך צו קענען אפרוען און זיך אנשעפן כוחות פאר די קומענדיגע רייזע און מיטמאכעניש, ער זאל זיך קענען פארמעסטן מיט איר.

די געדאנק איז געווען נוגע פארן כלל ישראל אין אלע דורות, אבער איז נאך מער נוגע פאר א איד אין די היינטיגע וועלט. מיר לעבן אין א דור וואס עס ווערט מקויים ביי איר דער פסוק "הַחֹשֶׁךְ יְכַסֶּה אֶרֶץ". די פינסטערניש אין דעם היינטיגן דור איז זייער גרויס און געדעכט, אז מען זעט נישט קיין ליכטיגקייט אין איר.

די וועלט איז איין לאנגער קייט פון הסתרה, אבער אין די אמאליגע דורות האט מען כאטש געהאט די צדיקי הדור וועלכע האבן ארייגעשיינט און מאיר געווען אויף די וועלט מיט זייערע הארה, מען האט געזען ביי זיי אפענע זאכן און מען האט געשפירט ביי זיי קרבת אלקים, אבער אין די לעצטערע דורות זענען די אלע זאכן נישט דא, אבער מיר דארפן וויסן און געדענקען אז דער רבוש"ע איז מיט אונז אין דעם דור, אויך אין די גרויסע חשכות.

בשמו פון דער הייליגער בעשטה"ק זאגט מען נאך, אז די גרעסטע נחמה פארן כלל ישראל איז די ווערטער וואס עס שטייט אין די תוכחה [דברים לא, יח] וְאָנֹכִי הַסְתֵּר אַסְתִּיר פָּנַי.

דער רבוש"ע זאגט פארן איד אז איך באהאלט זיך פון דיר, איך פארדעק מיין פנים פון דיר. דאס מיינט דער רבוש"ע איז דא מיט אונז. ווען ער וואלט נישט געווען מיט אונז וואלט ער זיך נישט געדארפט באהאלטן פון אונז, און דאס איז די גרעסטע חיזוק וואס א איד קען נאר האבן אויך אין

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### בְּנוּ עָרִים לְטַפְּכֶם

לאמיר זיך פארשטעלן, איינער וואס ציט זיך אריבער וואוינען אין אן אנדערע שטאט. ער לאזט זיך ארויס צוזאמען מיט זיין משפחה און זיין גאנצן פארמעגן, וואס ענטהאלט שעפסן, רינדער, חיות און עופות, און גלייך ווען ער קומט אן צום נייעם ארט, זאגט ער צו זיין הויזגעזינד: לאמיר אויפשטעלן א שטאל פאר די קיען, א הייזל פאר די ציגן, א שטייג פאר די הינער, א.א.וו. און נאר נאכדעם וואס אלע בעלי חיים וועלן זיין איינגעארדנט אין זייערע 'וואוינונגען', וועלן מיר בויען א הויז פאר אונז אליין!

עס איז טאקע זייער שיין פון זיין זייט, אז ער איז אזוי איבערגעגעבן צו די בעלי חיים, אבער פונדעסטוועגן, איז דען טאקע ריכטיג אזוי צו טון? וואלט נישט געווען מער פאסיג, אז צום ערשט זאל ער צושטעלן א דאך איבערן קאפ פאר אים מיט זיין הויזגעזינד?

די בְּנֵי גָד וּבְנֵי רְאוּבֵן האבן געזאגט צו משה רבינו, 'גִּדְרֹת צֹאן נִבְנֶה לְמִקְנֵנוּ פֹּה וְעָרִים לְטַפֵּנוּ', און רש"י ערקלערט אז זיי האבן געשוינט אויף זייער געלט נאכמער ווי אויף זייערע זין און טעכטער, אזוי ווי מיר זעען אז זיי האבן געשטעלט פריער זייערע בהמות פאר זייערע קליינע קינדער, זאגנדיג "מִקְנֵנוּ" און דערנאך "טַפֵּנוּ". האט משה רבינו געזאגט צו זיי, נישט אזוי זאלט איר טון, נאר איר זאלט געדענקען וואס איז דער עיקר און וואס איז דער טפל, צום ערשט זאלט איר בויען "עָרִים לְטַפְּכֶם", שטעט פאר אייערע קליינע קינדער, און נאכדעם "גְּדֵרֹת לְצֹנַאֲכֶם".

ווייל כאטש די קינדער פון גד און די קינדער פון ראובן האבן געהאט א גוטע כוונה ווען זיי האבן געוואלט פריער בויען ערטער פאר זייערע שעפעלעך און דערנאך שטעט פאר זייערע קליינע קינדער, האט זיי משה רבינו גע'מוסר'ט און זיי ערקלערט אז עס איז נישט ריכטיג אזוי צו טון, נאר צום ערשט דארף מען זארגן פאר די קליינע קינדער און דערנאך פאר די שעפעלעך.

אזויפיל כוחות לייגן מיר אריין אינעם גשמיות'דיגן וואוילזיין פון אונזערע קינדער, וויפיל שטרענגען מיר זיך אן אין פרנסה, און אלעס כדי אז פאר אונזערע קינדער זאל גארנישט פעלן. ריכטיג, מיר אינוועסטירן אויך אין זייער חינוך, אז זיי זאלן אויסוואקסן בעלי תורה ויראת שמים, אבער די פראגע וואס מיר דארפן זיך אליין פרעגן – און ענטפערן דערויף – איז, טוען מיר געדענקען וואס איז דער עיקר און וואס איז דער טפל? די קינדער זעען און הערן וויפיל מיר שטרענגען זיך אן אז עס זאל זיי גוט זיין בגשמיות, אבער צי הערן זיי וויפיל מיר זענען מתפלל אויף זיי אז זיי זאלן זיין גדולים בתורה? זעען זיי ביי אונז דעם אהבת התורה?

יעדער וויל דאך ערפילן די שאיפה פון זיינע עלטערן, מיר דארפן זיי נאר וויזן וואס זענען אונזערע שאיפות, וויאזוי מיר ווילן זיי זאלן אויסוואקסן, מיר דארפן זארגן דערפאר, אז זיי זאלן וויסן אז צום ערשט און פאר אלעס זארגן מיר פאר זייער חינוך און דאס שטייט אין שפיץ פון אונזערע אינטערעסן, און נאר נאכדעם זארגן מיר פאר די "גְּדֵרֹת צֹאן" – פאר די גשמיות.

(עפ"י טיב התורה-מטות)

**זמנים**
**אויף קבלת קהל**
**0534-100024**

**טיב ההודעות**

**מען קען הערן שמועס'ן און דרשות**
**פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער**
**אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320**

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

אזא צייט, ווען די הסתרה איז אזוי גרויס און אזוי געדעכט.

די געדאנק איז א משל צו איינער וואס באהאלט זיך פון זיין חבר. דער וואס באהאלט זיך וועט זיך נאר באהאלטן ווייל ער ווייסט אז יענער וועט אים קומען אויפזוכן, ווייל ער ווייסט אז יענער וויל אים טרעפן, און די זעלבע זאך איז דא ביי הקב"ה, דער רבוש"ע באהאלט זיך פון אונז, ווייל ער ווייסט אז מיר וועלן אים קומען אויפזוכן.

דא ליגט טאקע די נסיון פון א איד! דער רבוש"ע באהאלט זיך פון אונז, און ער וויל זען וויאזוי מיר זוכן אים אויף אויך ווען ער איז אזוי שטארק באהאלטן. ווען א איד אין דעם היינטיגן דור זוכט אויף דער באשעפער און ער ווייסט אז אויך אין די חשכות איז הקב"ה דא מיט אונז, מאכט ער אָן א געוואלדיגע נחת רוח פארן בורא כל העולמים.

מיט די מעלה איז געבענטשט געווארן אונזער דור. אין די אמאליגע דורות האט מען זוכה געווען צו שפירן א קרבת השם, עס איז געווען א ליכטיגקייט אין די לופטן, א איד האט געזען עין בעין וויאזוי הקב"ה איז מיט אים, וויאזוי די ערדישע וועלט איז איין לאנגער קייט פון אויגן פארבלענדעניש און אז די ריכטיגע געשמאק ליגט אין א מצוה, ער האט געשפירט א התעלות אין א שבת קודש, א דביקות אין א דאווענען, אבער היינט זענען מיר אזוי אויסגעטרוקנט, מען שפירט נישט גארנישט און דאך דינען מיר הקב"ה, מיר גייען אָן, דאס אליין פארשאפט א מורא'דיגע נחת רוח פארן בורא כל העולמים.

אונזער עבודה האט א גרויסע חשיבות אין די אויבערשטע וועלטן. עס איז ידוע וואס דער הייליגער אריה"ק האט געזאגט אז א קליינע פעולה אין אונזער דור איז עושה רושם למעלה ווי די עבודה פון די הייליגע תנאים און די אמוראים. דערויף האט צוגעלייגט דער צדיק הרה"ק רבי אהרן ראטה זצ"ל דער בעל שומר אמונים אז אויב מען האט אזוי געזאגט אויף דער דור פון די אריה"ק, וואס זאל מען שוין זאגן אויף דעם היינטיגן דור, ווען אלעס איז אזוי פינסטער און אזוי פארלאשן, אז מען שפירט נישט גארנישט.

אויף אזא דור איז זיכער אז די עבודה האט א גרויסער חשיבות למעלה, און אז יעדע קליינע פעולה וואס מיר מאכן איז דא למעלה א גרויסער שכר דערפאר.

דער געדאנק דארף אויך זיין א חיזוק פאר א איד ווען די עבודת השם גייט אים שווער און ער שפירט נישט אין איר קיין שום טעם. דער צדיק הרה"ק רבי אהרן ראטה זצ"ל האט מעיד געווען אויף זיך אליין, אז אין זיינע יונגע יארן איז אים דער לערנען אנגעקומען גאר שווער, ער האט געשפירט א טעם מיתה אין יעדע ווארט תורה.

די זעלבע זאך האט מעיד געווען דער הייליגער קאמארנער זי"ע אז איידער ער איז אנגעקומען צו שפירן א טעם אין תורה, האט ער געשפירט טויזנט מאל א טעם מיתה אין די תורה, אבער ער האט זיך מתגבר געווען אויף דעם און שפעטער ווען ער האט זוכה געווען און זיך מתגבר געווען אויף דעם האט ער געשפירט אין די תוה"ק א טעם גן עדן און אויך זוכה געווען מרבה צו זיין תורה פאר אנדערע אידן.

פון דעם אלעם זעט מען אז די שוועריגקייט איז מעיד אז די זאך איז אליך גרעסער, און אויב מען געבט נישט אויף, נאר מען עקשנ'ט זיך, קומט מען ענדע אן צו די גרויסע מדריגות וואס באהאלט זיך אין די זאך.

אין די ספרים הקודשים טרעפט מען אז משה רבינו [שמות לג, יח] האט געבעטן פון הקב"ה הַרְאֵנִי נָא אֶת כְּבֹדֶךָ. משה רבינו האט געבעטן ביי השי"ת ער זאל אים מגלה זיין איידער ער שיקט אים אונטער א נסיון, אז ער שיקט אים אונטער א נסיון, ער האט זיך געוואלט קענען גרייטן אויף איר און נישט דורכפאלן, אבער הקב"ה האט אים געזאגט כִּי לֹא יִרְאַנִי הָאָדָם וָחָי, אז אזא זאך קען נישט זיין, ווייל אויב א מענטש ווייסט אז עס גייט קומען אויף אים א נסיון, איז עס נישט קיין נסיון.

דער רבוש"ע האט אים יא נאכגעגעבן מיט דעם 'וְרָאִיתָ אֶת אֲחֹרָי', אז נאך די נסיון וועסטו זען אז עס איז געווען א נסיון, און איך וועל דיר מגלה זיין די גרויסע שכר אז דו האסט זיך מתגבר געווען אויף די נסיון, אבער 'וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ', אבער פארדעם וועסטו עס נישט וויסן אז עס גייט קומען אויף דיר א נסיון.

אויך די געדאנק דארף דינען פאר אונז אליך א חיזוק. ווען עס קומט אויף אונז א נסיון דארפן מיר וויסן אז בשעת די נסיון ווערט אונז טאקע פינסטער אין די אויגן, אבער אויב מיר וועלן זוכה זיין און זיך מתגבר זיין אויף איר וועלן מיר ענדע זוכה זיין צו זען גרויסע זאכן.

מען דערציילט אז רבי חיים וויטאל זי"ע האט אמאל געפרעגט פון זיין רבי דער הייליגער אריה"ק וויאזוי ער האט זוכה געווען צו אזעלכע גרויסע מדריגות אין תורה. דער אריה"ק האט אים געזאגט אז ער האט זוכה געווען דערצו דורך די אויסטערלישע יגיעת התורה וואס ער האט געהאט. האט אים רבי חיים וויטאל זי"ע געפרעגט, אז אויך דער רמ"ק האט געהאט יגיעה בתורה? האט דער אריה"ק געזאגט אז זיין יגיעה איז געווען גרעסער, און ער האט אים דערציילט אז ער האט זיך אמאל געפלאגט זעקס שעה אויף א שטיקל זוה"ק, ווייל ער האט נישט געוואלט אז מען זאל אים מגלה זיין די שטיקל פון הימל, ווייל ער האט עס געוואלט אליין משיג זיין פון זיך אליין, מיט זיין אייגענע יגיעה.

די מעשה לערנט אונז אויס, אז ווי גרעסער די יגיעה איז אליך גרעסער וועט שפעטער זיין די השגה און די אור צו וואס ער וועט זוכה זיין א דאנק די פלאג, און די זעלבע זאך איז אויך דא ביי א נסיון.

א בחור איז אמאל געווען ביי מיר און זיך באקלאגט אז ער האט זייער שווערע נסיונות. ווען דער בחור האט אויסגערעכנט די נסיונות האב איך אים געזאגט אז די גרויסע נסיונות וואס ער גייט אריבער איז א סימן אז עס ווארט אים אפ גרויסע זאכן, אבער די גרויסקייט קען זיין אויף ביידע זייטן, אויב ער וועט זיך מתגבר זיין אויף זיי וועט ער וואקסן זייער גרויס אין עבודת השם, אויב וועט ער דורכפאלן וועט ער חלילה אראפפאלן זייער נידריג און ער וועט נישט האבן די כוחות אויפצושטיין פון איר, ווייל די יגיעה און דער נסיון און אויך די חשכות זענען נאר דא צו שטערן דעם מענטש פון שטייגן, אבער ווי גרויס זיי זענען אזוי גרויס איז די כוחות און די פאטענציאל וואס באהאלט זיך אין די זאך.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין אויף אלע נסיונות און זוכה זיין צו נהנה זיין מאורו יתברך, אמן.

# טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

# א דאקטאר אין די גאסן פון מאה שערים

ווען איך בין ארויס אין גאס נאך א ריזיגער כינוס וואו עס האבן אנטיילגענומען טויזנטער אידן, האב איך זיך געוואונדערט וויאזוי איך וועל אנקומען פון די ארט צו מיין שטוב.

איך האב געהאט פאר מיר מערערע אויסוועגן. איך האב געקענט אהיימגיין מיט די צוגעשטעלטע טראנספארטאציע אדער מיט פריוואטע אויטאס (קארס) פון גוטע אידן וואס וועלן מסכים זיין מיר צו געבן א היטש. ווען איך האב אנגעהויבן צו גיין און געהערט א פייף בין איך שטיין געבליבן. אין די קאר איז געזעסן מיינער א ידיד.

"ווילסט מיטקומען מיט אונז, עס איז מיר געבליבן איין פלאץ".

איך האב זיך געפריידט אויף דער פארשלאג, איך האב זיך געגעבן א שטופ אריין אין די קאר און מיר האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג.

ווען די קאר האט אנגעהויבן זיין רייזע, האב איך זיך געגעבן א קוק אים אויף די ארומיגע אידן וואס זענען געזעסן אין די קאר, און זיך באגעגענט מיט א געמישעכטס פון אלע אידן, אבער איינער פון זיי האט געצויגן מיין אויפמערקזאמקייט, עס איז געווען דער איד וואס איז געזעצן אין די פאדערשטע זיץ.

עס איז געווען אן עלטערע איד און ער האט געהאלטן אין איין קרעכצן. הערנדיג די באקלאגעריי האב איך אים געפרעגט וואס איז די סיבה צו זיין קרעכצעריי, האט ער מיר געזאגט אז עס איז שוין א לענגערע צייט וואס ער ליידט אויף שרעקליכע פוס-ווייי און ער זעט זיך נישט ארויס פון דעם.

"דו ווייסט", האב איך זיך אנגערופן צו אים.

"מיין טאטע האט אויך מיטגעמאכט די זעלבע זאך, און איינער האט אים צוגעוויזן אויף א גרויסער פראפעסאר ער זאל גיין צו יענעם. מיין טאטע איז געגאנגען צו יענעם פראפעסאר און ער האט אים געהאלפן אין דעם הינזיכט. אפשר גייט איר אויך אהין".

אראפגייענדיג פון די קאר האב איך געהאט א גוטער געפיל, איך האב געשפירט בחוש וויאזוי הקב"ה האט מיר צוגעפירט אז איך זאל ארויפגיין אויף די קאר, אז איך זאל קענען זיין א שליח טוב צו העלפן דעם איד.

אבער די מעשה האט נאך א המשך.

פון די יעניגע רייזע איז אריבער צוויי וואכן און איך האב געדארפט זיין אין די מאה שערים געגנט. איך גיי אזוי אויפן גאס, און מיטאמאל זע איך ווי פאר מיינע אויגן שפאצירט דער גרויסער פראפעסאר אהין און צוריק.

עס האט אויסגעזען ווי ער בלאנדזשעט, און זייענדיג באקאנט מיט אים בין איך צוגעגאנגען צו אים און זיך באגריסט.

דער פראפעסאר האט זיך זייער געפריידט צו מיר.

"מיט צוויי וואכן צוריק האט מיר א איד אנגעקלינגען און זיך באקלאגט אז ער ליידט זייער שטארק אויף די פוס. דער איד האט געבעטן אז איך זאל אריבערקומען צו אים אין שטוב אויף א באזוך. ביי די געשפרעך האבן מיר באשטימט אז איך גיי אריבערקומען צו אים אין שטוב די וואך. איך האב פארשריבן ביי מיר זיינע דעטאלן, וואו ער וואוינט, זיין טעלעפאן נומער, אבער די דעטאלן איז נעלם געווארן פון מיר, איך האב אזויפיל געדענקט אז ער וואוינט אין די מאה שערים געגענט. איך בין אהערגעקומען מיט די האפענונג אז איך וועל אים שוין ערגעצוואו אנטדעקן".

איך האב גלייך געוואוסט פון וועמען די רעדע איז, און אים געקענט ציווייזן וואו ער וואוינט.

עס איז געווען צום צווייטן מאל וואס איך האב זוכה געווען צו זיין דער גוטער שליח ארויסצוהעלפן דעם איד.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה א.ש.]

**די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס**

**אין פקס: 15326517922**

## טיב המעשיות אין

# דער געוואלדיגער כח פון דאווענען

**"כִּי בְעִיר מִקְלָטוֹ יֵשֵׁב עַד מוֹת הַכֹּהֵן הַגָּדֹל, וְאַחֲרֵי מוֹת הַכֹּהֵן הַגָּדֹל יָשׁוּב הָרֹצֵחַ אֶל אֶרֶץ אֲחֻזָּתוֹ"** (לה, כח)

אונזער פרשה לערנען מיר דעם געוואלדיגן כח פון "תפילה", אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת מכות (דף יא ע"א) אז די מאמעס פון די כהנים גדולים, האבן צוגעשטעלט עסן און קליידער פאר די רוצחים וואס האבן זיך געפינען אינעם עִיר מִקְלָט, כדי זיי זאלן נישט מתפלל זיין אויף זייערע קינדער אז זיי זאלן שטארבן.

זעען מיר דעם געוואלדיגן כח פון דאווענען, אז אפילו א פשוט'ער און פארשעמטער רוצח, וואלט געקענט פועל'ן דורך זיין תפילה, אז דער גרויסער כהן גדול פון די אידן זאל שטארבן ח"ו. און דער ענין ווערט ערקלערט אין די ספרי מוסר, און אין די מפרשים אויפן ארט.

-> • <-

פאלגנד איז א וואונדערליכע מעשה וואס איך האב געהערט, איבערן געוואלדיגן כח פון דאווענען.

אין א חשוב'ע ישיבה קטנה אין די הייליגע שטאט ירושלים, איז געזעצן א בחור פון א חשוב'ע משפחה, וואס האט ליידער נישט געזען קיין הצלחה אין זיין לערנען. זיין מח איז געווען פארשטאפט און ער האט געהאט א שוואכער שכל, און קיין שום לערנען איז נישט אריינגעגאנגען אין זיין קאפ.

ער האט אבער געהאט זייער א שטארקער רצון, און ער האט פראבירט איינמאל און נאכאמאל, אן קיין הצלחה. זיינע שוואכע כשרונות האבן אים נישט געפירט צו קיין שום ממשות'דיגע דערגרייכונג אין לערנען. און כאטש ער איז געווען א בחור א ירא שמים, זייער אן איידעלער און א בעל מידות טובות, האט ער נישט מצליח געווען צו פארשטיין דעם לערנען.

איינער פון די חשוב'ע מגידי שיעור אין די ישיבה, האט זייער רחמנות געהאט אויף דעם בחור, און ער האט אריינגעלייגט אין אים זייער אסאך כוחות. יעדן טאג, נאכן שיעור, איז ער געזעצן מיט אים און עטליכע מאל איבערגע'חזר'ט די גמרא מיטן תוספות און אזוי ווייטער. אבער אויך נאכן ספעציעלן פריוואטן שיעור, איז אפילו איין 'תוספות' נישט אריינגעגאנגען ביים בחור'ל אין קאפ, און אוודאי נישט קיין שום שטיקל פון אלע מפרשים וואס זענען געזאגט געווארן ביים שיעור.

דער איבערגעגעבענער מגיד שיעור איז געווען פארלוירן און האט נישט געוואוסט וואס צו טון. אזא פאל קומט פָאר זייער זעלטן, ווייל געווענליך ווען איינער לייגט אריין כוחות און פלאגט זיך אין לערנען ווערט ער דערהויבן און איז שטארק מצליח, אבער אונזער טייערער בחור'ל האט זיך גארנישט מצליח געווען אין זיין לערנען, טראץ זיין געוואלדיגע התמדה און יגיעה.

נאך פילע אנשטרענגונגען וואס האבן נישט געטראגן קיין פירות, האט דער מגיד שיעור באשלאסן צו פארן צוזאמען מיטן בחור צו מרן הגאון רבי חיים קניבסקי זצ"ל אין בני ברק, אין צו בעטן אן עצה און א ברכה.

דער מגיד שיעור און דער תלמיד האבן געטראפן א פאסיגן טאג צו פארן, וואס זאל נישט זיין אויפן חשבון פון די לימודים פון ישיבה, און האבן זיך ארויסגעלאזט קיין בני ברק. ווען זיי זענען אנגעקומען צום הויז פון רבי חיים און מען האט זיי אריינגערופן אינעווייניג אל הקודש פנימה, האט דער מגיד שיעור אנגעהויבן אויסלויבן דעם בחור וואס איז געשטאנען נעבן אים, ווי זיינע תפילות, מידות, פירונגען און יראת שמים איז אזוי געהויבן, אבער פונדעסטוועגן זעט ער נישט קיין הצלחה אין לערנען!

הערנדיג די פראגע, האט זיך רבי חיים געשמייכלט, און ער האט געזאגט: ווי עס זעט אויס, דארף מען האבן מער יגיעת התורה! ווייל די תורה קען מען נאר קונה זיין דורך עמל ויגיעה, מיט שווערע פלאג און הארעוואניע!

האט דער מגיד שיעור געזאגט, אז ער קען אליין עדות זאגן, אז ער אליין טוט מיטהאלטן, ווי דער בחור פלאגט זיך און פראבירט מיט אלע כוחות, נאר זיין קאפ איז שוואך, און עס גייט אים נישט אויפצוכאפן און צו פארשטיין!

האט רבי חיים זיך געווענדן צום בחור, און האט אים געפרעגט מיט ליבשאפט: ביסטו מתפלל און דו בעטסט דעם אויבערשטן פאר הצלחה אין די תורה?

זיכער! – האט דער בחור געענטפערט, איך וויין אלעמאל און איך בעט תפילות און בקשות, אבער צו מיין ווייטאג בין איך נאכנישט געענטפערט געווארן.

- "נעם זיך אונטער, אז דו וועסט אלעמאל דאווענען תפילה בציבור, און דו זאלסט מקפיד זיין במסירות נפש נישט צו פארפעלן קיין תפילה בציבור!" – האט רבי חיים געשלאסן דעם שמועס, און זיי אפגעזעגנט לשלום.

דער מגיד שיעור מיטן בחור זענען געבליבן פארוואונדערט – וואו קומט דא אריין תפילה בציבור? וואס האט עס דא אהער, צום ענין פון הצלחה אין לימוד התורה, דעם ענין פון אכטונג געבן אויף תפילה בציבור במסירות נפש? – און נאכמער, אז דער בחור פלעגט דאך טאג-טעגליך מקפיד זיין און דאווענען בציבור אינעם היכל פון די ישיבה הקדושה, און ער האט קיינמאל נישט פארפעלט קיין תפילה בציבור אין ישיבה, דעריבער האט ער נישט פארשטאנען פארוואס מען דארף האבן "מסירות נפש" דערויף.

אבער, כאטש ער האט נישט פארשטאנען, האט זיך דער בחור דאס אונטערגענומען מיט א פעסטע קבלה, אז ער וועט בשום אופן נישט מוותר זיין אויף תפילה בציבור, אפילו ביז מסירות נפש!

עס איז דורכגעגאנגען א שטיק צייט, און דער בחור האט געענדיגט לערנען אין די ישיבה קטנה, און ער איז אנגענומען געווארן אין זייער א גוטע ישיבה גדולה, נאכדעם וואס די הנהלת הישיבה האט באקומען זייער גוטע גריסן אויף זיין געוואלדיגע יראת שמים און שיינע מידות.

עטליכע יאר זענען דורכגעגאנגען, און איין טאג איז דער חשוב'ער בחור געקומען אויף א באזוך אין די ישיבה קטנה וואו ער האט געלערנט אלס יונגער בחור'ל, און ער איז אריינגעקומען אינעם צימער פון דעם מגיד שיעור צו וועמען ער איז געווען זייער צוגעבינדן מיט גרויס ליבשאפט ווען ער האט דארט געלערנט.

דער מגיד שיעור האט זיך שטארק געפריידט אים צו זען, און דא, צו זיין גרויס איבערראשונג, האט דער בחור אראפגעלייגט אויפן טיש א שיינעם קונטרס מיטן נאמען "חידושי תורה במסכת יבמות". ווען דער מגיד שיעור האט אביסל געבלעטערט צווישן די בלעטער פונעם קונטרס, האט ער געזען אז עס איז מָלֵא וְגָדוּשׁ מיט א געוואלדיגע חכמה און טיפקייט, און אויסער דעם שיינעם וועג וויאזוי דער מחבר האט געגעבן צו פארשטיין יעדן ענין, האט מען אויך געקענט דערקענען אז אינעם מחבר איז דא א וואונדערליכער כח פון מחדש זיין חידושים, ווי אַן אויסגערופענעם תלמיד חכם!

זייענדיג אונטער גרויס התפעלות פונעם קונטרס, האט דער מגיד שיעור געפרעגט דעם בחור: ווער איז דער חשוב'ער מחבר פונעם קונטרס? מען זעט דאך אז דאס איז זייער א חשוב'ער תלמיד חכם!

דער בחור האט בכלל נישט פארשטאנען די פראגע.

וואס הייסט ווער? איך האב עס אליין געשריבן און אויסגעשטעלט, מיט גרויס סייעתא דשמיא, און דעריבער בין איך אהערגעקומען, צו ווייזן פארן טייערן מגיד שיעור, מיינע ערשטע חידושי תורה, וויבאלד איך ווייס אז איר האט אזוי שווער געארבעט און אריינגעלייגט כוחות אין מיר אז איך זאל מצליח זיין, און איך בין זיכער געווען אז איר וועט זיך פרייען צו זען די פרוכט פון אייער פלאג!

דער מגיד שיעור איז געבליבן שטיין ערשטוינט, און נישט געקענט גלייבן דאס וואס ער זעט מיט די אויגן. דו ביסט דער בעל המחבר? אבער נאר מיט עטליכע יאר צוריק, ווען דו ביסט געווען דא אין ישיבה קטנה, האסטו כמעט גארנישט פארשטאנען! אפילו איין תוספות האב איך נישט געקענט אריילייגן קלאר אין דיין קאפ. וויאזוי איז געשען דעם געוואלדיגן טויש, מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה?

מיט אן איידעלן שמייכל האט דער בחור אנגעהויבן ערקלערן אלעס פארן מגיד שיעור, און ער האט אים דערציילט דברים כהווייתן:

-> • <-

אין אנהייב, ווען איך בין אריינגעגאנגען לערנען אין די ישיבה גדולה, האב איך כמעט גארנישט פארשטאנען, אזוי ווי איך בין געווען צוגעוואוינט ביז יעצט... דורכאויס די שיעורים האב איך נאר געקענט קוקן מיט קנאה אויף מיינע חברים, וועלכע שטייגן און גייען אלס העכער אין זייער לערנען טאג-טעגליך, אינדערצייט וואס מיין מדריגה אין לערנען איז געבליבן שטיין כמעט אזוי ווי א חדר-יונגל...

ווען עס איז געקומען נאנט צום סוף פונעם "זמן", האט זיך די ישיבה ארויסגעלאזט אויף א נסיעה צו די מקומות הקדושים אין צפון-זייט פון ארץ ישראל. די נסיעה איז פארגעקומען אין א דאנערשטיג, ערב ראש חודש מוקדם, און מען האט געזאגט 'יום כיפור קטן' אין מירון יצ"ו, און צו נאך מקומות הקדושים אין גליל.

די נסיעה האט זיך פארצויגן ביז שפעט ביינאכט. ווען איך בין אהיימגעקומען צום הויז פון מיינע עלטערן אין די "רמות" געגנט אין ירושלים עיר הקודש, איז שוין געווען זייער שפעט. איך האב זיך אראפגעזעצט מיט מיינע עלטערן, און זיי דערציילט איבער די איבערלעבענישן פון די נסיעה. אזוי שמועסנדיג, האב איך בכלל נישט באמערקט ווי דער זייגער האט זיך גערוקט נאך און נאך... ווען פלוצלונג האב איך זיך א כאפ געגעבן: איך האב נאכנישט געדאווענט מעריב!

די ווייזערס פונעם זייגער האבן געוויזן אז עס איז יעצט 1.30 ביינאכט!

איך האב גוט געדענקט די קבלה וואס איך האב זיך אונטערגענומען, לויטן אנווייזונג פון מרן הגאון רבי חיים זצ"ל, אז איך וועל אויף קיין פאל נישט מוותר זיין אויף תפילה בציבור, אבער איך האב נישט געוואוסט וואס קען איך יעצט טון, אין אזא שפעטע שעה פון די נאכט?

אין דאס גאנצע "רמות" געגנט, מיט די פילע שולן וואס געפינען זיך אין איר, קען מען נישט געפינען א "מנין" צו דאווענען מעריב 1.30 פארטאגס! די איינציגסטע מעגליכקייט צו געפינען יעצט א מנין פאר מעריב, איז אינעם גרויסן שול אין דער "זכרון משה" געגנט, אין צענטער פון שטאט.

אבער וויאזוי קומט מען יעצט אן אין זכרון משה? – די אויטאבוסן פארן שוין לאנג נישט...

האב איך באשלאסן, אז אין ליכט פון מיין קבלה וואס איך האב זיך אונטערגענומען, מוז איך כאטש טון השתדלות אינעם ענין.

בין איך ארויסגעגאנגען פון

| המשך אין עמוד ד' |>

הויז, און איך האב זיך דערווייטערט ביז צום גרויסן הויפט־גאס, באקאנט אלס "כביש רמות", האפנדיג צו געפינען א איד וואס וועט מיר נעמען צו זכרון משה. די גאס איז אבער געווען כמעט ליידיג, און די געציילטע אויטאס וואס זענען דורכגעפארן, זענען שנעל אריבערגעפלויגן, און האבן זיך בכלל נישט אפגעשטעלט.

נאכן ווארטן א לאנגע צייט אין די קאלטע ירושלים'ער נאכט, האב איך באשלאסן אז איך בלייב דא ווארטן נאך צען מינוט! – אויב ביז צען מינוט וועל איך טרעפן א וועג אנצוקומען צו זכרון משה, איז גוט, און טאמער נישט, גיי איך צוריק אהיים, און נישט האבנדיג קיין אנדערע ברירה, וועל איך דאסמאל דאווענען ביחידות, וְהַהֶכְרֵחַ לֹא יְגֻנֶּה!

פונקטליך זיבן און א האלב מינוט שפעטער, האט זיך אַן אויטא אפגעשטעלט נעבן מיר, און אינעווייניג איז געזעצן אן ערליכער איד וועמען איך האב גוט געקענט, פון אונזער געגנט, און מיט ליבשאפט האט ער מיר געפרעגט: וואו אהין?

- קיין זכרון משה! האב איך געענטפערט.

- זייער גוט! האט דער איד געזאגט. איך בין יעצט אויך אויפן וועג אהין, צו דאווענען דארט מעריב!

איך האב געזען אין דעם א גוטע הארה פון הימל, און מיר זענען געפארן.

ווען מען איז אנגעקומען אין שול, האבן שוין דארט פינף אידן געווארט אז עס זאל זיך צוזאמנעמען צען אידן צו דאווענען. מיט אונז צוזאמען איז שוין געווען זיבן מענטש, און עס האט נאך אויסגעפעלט דריי מענטשן צום מנין!

א טייל פון די מענטשן, זעענדיג אז עס איז נאכנישט דא קיין מנין, האבן שוין געוואלט אהיימגיין, אבער מיין באקאנטער האט זיך ממש געבעטן אז מען זאל ווארטן נאך אביסל, ווייל ער מוז דאווענען מיט א מנין!

ברוך השם, 3 אזייגער ביינאכט איז שוין געווען א גאנצער מנין! מען האט גלייך אנגעהויבן דאווענען מעריב, אין די לעצטע שעות פונעם נאכט.

פאר מיר – דערציילט דער בחור – איז דאס געווען זייער א ספעציעלע דאווענען. גלייך ביים אנהייב האב איך געפילט ווי די ווערטער גיסן זיך ארויס פון מיין מויל. איך האב געדאווענט מיט גרויס געפיל און מיט א שטארקע כוונה,ווארט ביי ווארט.

אבער ווען איך בין אנגעקומען צו שמונה עשרה, ביי די ברכה פון "אתה חונן", האט זיך מיין הארץ פלוצלונג צועפנט. א שטארקע שטראם פון טרערן האט גענומען פליסן פון מיינע אויגן, אן אויפהער! איך האב געוויינט און געוויינט, דארט אינעם ווינקל פונעם בית המדרש. איך האב נאך קיינמאל נישט געהאט אזא דאווענען, און איך האב נאך קיינמאל פריער נישט אזוי געוויינט!

איך בין דארט געבליבן שטיין אין מיין ווינקל, און זיך אויסגעגאסן מיין הארץ פארן אויבערשטן, ביי די ברכה פון "אתה חונן" אליין, ארום א דריי־פערטל שעה! אינדערצייט וואס דער ציבור האט שוין לאנג געענדיגט דאווענען, און יעדער איינער איז אהיימגעגאנגען צו זיין הויז.

איך בין ארויסגעגאנגען פון די תפילה אזוי ווי אן אנדער מענטש, און איך האב זיך געפילט ממש ווי א נייער מענטש!

->•<-

וויבאלד עס איז שוין געווען נאנט צו די צייט פון וותיקין, און קיין וועג צוריק אהיים האט ער נאכנישט געהאט, האט דער בחור באשלאסן אז ער וועט בלייבן דארט אין שול, און ווארטן ביז עס וועט ווערן טאג.

דערווייל האט ער ארויסגענומען א גמרא סנהדרין פון שאפע, און אנגעהויבן צו לערנען דערין. צו זיין גרויס וואונדער, האט ער פלוצלונג אנגעהויבן אלעס אויפכאפן און פארשטיין קלאר! אויפאמאל האט זיך זיין קאפ געעפנט! ער האט געפילט זייער א זיסע טעם אין זיין לערנען, אזוי ווי ער האט קיינמאל פריער נישט געשפירט. אלעס איז געווען ליכטיג און עס האט געשיינט! צום ערשטן מאל אין זיין לעבן, האט ער געליינט די ווערטער פונעם תוספות, און פארשטאנען זייער טיפקייט! אזוי האט זיך פארצויגן זיין לערנען, איין תוספות נאכן אנדערן, און אלעס איז אים געווען קלאר אין זיין מח און אין זיין הארץ!

ער איז געווען מורא'דיג בשמחה, אויף די וואונדערליכע ישועה וואס דער אויבערשטער האט געטון מיט אים!

אזוי האט ער זיך געשטעלט דאווענען שחרית, נאך אט דעם געוואלדיגן הכנה. אויך יעצט האט ער געדאווענט מיט גרויס התרגשות און מיט א שטארקע געוויין, און ווען ער איז אנגעקומען צו די ברכה פון "אהבה רבה" האט זיך זיין הארץ ברייט צועפנט, און זיין גאנצער זעל האט זיך צוגאסן פארן אויבערשטן, מיט די תפילה: "אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן, הַמְרַחֵם, רַחֵם עָלֵינוּ, וְתֵן בְּלִבֵּנוּ בִּינָה לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל וכו', וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ"...

אנקומענדיג צו די ברכה "אתה חונן" האט ער זיך מורא'דיג ציווינט, און ער איז זייער זייער לאנג געשטאנען ביי די ברכה, אויף אזוי ווייט אז די בכיות וואס ער האט געוויינט מיט עטליכע שעה צוריק ביי די שמונה עשרה פון מעריב, זענען נאר געווען אזוי ווי א משל אנטקעגן די יעצטיגע שמונה עשרה פון שחרית!

[זע אינעם ערשטן פרק פון מסכת עבודה זרה (ח.), אז כאטש מען האט געזאגט אז א מענטש קען בעטן אלע געברויכן ביי די ברכה פון שומע תפילה, פונדעסטוועגן אויב וויל מען זאגן ביים סוף פון יעדע ברכה, א בקשה וואס איז אזוי ווי דער ענין פון יענעם ברכה, קען מען עס זאגן. אויב האט איינער חלילה א קראנקער אין זיין הויז, זאל ער מתפלל זיין פאר זיינעטוועגן ביי די ברכה פון רופא חולים, און אויב ער דארף האבן פרנסה, זאל ער מתפלל זיין דערפאר ביי די ברכה פון מברך השנים. און רש"י ערקלערט דארט, אז אויב איינער האט געזען אז ער פארגעסט זיין לערנען, זאל ער מאריך זיין ביי די ברכה פון חונן הדעת, און אויב ער איז א בעל תשובה זאל ער מאריך זיין ביי די ברכה פון הרוצה בתשובה, און אזוי אויך ביי אלע אנדערע ברכות].

נאכן דאווענען שחרית, פרייטיג אינדערפרי, איז ער צוריק אהיימגעפארן און געגעסן פרישטיג. גלייך נאכן עסן איז ער אריינגעגאנגען אין זיין צימער, ארויסגענומען די הייליגע גמרא, און אנגעהויבן לערנען מיט גרויס חשק און א מורא'דיגע התלהבות. וויבאלד ער האט זוכה געווען צו שפירן די זיסקייט פון די הייליגע תורה, איז אים געווען א שאד אויף יעדע רגע פון 'ביטול תורה' וואס גייט אוועק אומזיסט! אלעס האט אים געשיינט און געלויכטן מיט א מורא'דיגע הימלישע ליכטיגקייט.

אזוי איז ער געזעצן אין זיין צימער, און געלערנט דעם גאנצן פרייטיג אן אויפהער, ביז עס איז געקומען די שבת המלכה און האט אויסגעשפרייט אירע פליגלען אויף דער וועלט. דעמאלטס האט ער פארמאכט די הייליגע גמרא, און איז געגאנגען אין שול צו קבלת שבת און מעריב פון שבת קודש. נאכן דאווענען, איז ער צוריקגעקומען מיט זיין טאטע צו די סעודה פון שבת קודש, וואס איז געווען פול מיט שמחה און געוואלדיגע גליק פאר די גאנצע משפחה. אונזער בחור האט דערהויבן די געוואלדיגע גייסט פונעם קדושת שבת אינדערהיים, צו גאר א הויכע מדריגה.

נאך די סעודה האט אים זיין טאטע געבעטן, און דערמאנט אז עס איז שוין געקומען דער צייט אז ער זאל זיך אביסל ארפלייגן, וויבאלד עס איז שוין מער ווי איינס און א האלב מעת־לעת וואס ער האט זיך נישט אראפגעלייגט, וויבאלד דורכאויס דעם גאנצן דאנערשטיג, און אויך ליל שישי און דעם גאנצן פרייטיג איז ער געזעצן און געלערנט.

האט דער בחור געזאגט, לאמיר ביטע לערנען נאך אביסל... און נאכדעם וועל איך זיך לייגן שלאפן.

אבער דער "ביסל" האט זיך פארצויגן דורכאויס די גאנצע נאכט פון שבת, ביז עס איז געקומען דער צייט צו ליינען קריאת שמע של שחרית! דער בחור האט געשפירט ווי ער ווערט מער און מער געצויגן און דבוק אין די ליכטיגקייט פון די תורה הקדושה, אזוי אז ער איז נישט געווען אימשטאנד צו אפלאזן דעם לערנען, צוליב זיין געוואלדיגע גלוסטעניש דערצו.

שבת אינדערפרי, איז ער געגאנגען צוזאמען מיט זיין טאטע אין שול צום דאווענען, און דערנאך איז ער צוריקגעגאנגען מיט אים צו די שבת'דיגע סעודה, וואס איז געווען פול מיט זמירות מיט א געוואלדיגע שמחה!

נאך די סעודה, האט שוין זיין טאטע געזען, אז ער איז זייער אפגעשוואכט, און ער האט אים ממש געצוואונגען אריינצוגיין אין בעט, און שלאפן וויפיל ער דארף.

פון יענעם טאג און ווייטער, האט זיך געעפנט פארן בחור די טויערן פון ליכטיגקייט און פון די הייליגע תורה, און ער איז געווארן א וואונדערליכער מתמיד, און א תלמיד חכם מופלג, וואס האט פארמאגט א טיפע פארשטאנד און קלארע סברא אין יעדער זאך, און האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע התעלות בְּכִתְרָהּ שֶׁל תּוֹרָה!

פון דעם לערנען מיר דעם געוואלדיגע כח פון תפילה, וואס דורך איר קען מען פועל'ן זייער גרויסע זאכן, אפילו עפעס וואס גייט ממש ארויס חוץ לדרך הטבע, און בפרט דורך תפילה בציבור וואס ווערט מער אנגענומען. און ווען מען איז זוכה צו מסירות נפש ביים דאווענען, און מען לייגט אריין כוחות אין דעם מער ווי מען מוז, איז ער פארזיכערט אז זיין תפילה וועט אנגענומען ווערן ברחמים וברצון פארן הייליגן באשעפער.

[פרטית, כ"א סיון תשע"ג]

# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב ת.נ.צ.ב.ה. | יוסף בן טילה רוזא לרפואה שלימה | האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים | שרה שיינדל בת טילה רוזה להצלחה בכל העניינים | לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצבה. | לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצבה. | גרפצ'יק טל: 02-5002321 | קשת הרשת מיתוג יח"צ וקידום מכירות 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il | גל-פז |

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173